# חיים שויס

## Selections from
# **Jeremiah**

[בוך צוויי, נביאים (ניו יאָרק 1951)

[דער משל מיטן גאַרטל ]
[ י״ג, 1-11, זז׳ 278, 280]

אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו מיר: גיי און קויף דיר אַ פֿלאַסקענעם גאַרטל און טו אים אָן אויף דייַנע לענדן, אָבער אין וואַסער לייג אים ניט. האָב איך געקויפֿט דעם גאַרטל נאָך גאָטס וואָרט און אים אָנגעטאָן אויף מייַנע לענדן.

און גאָטס וואָרט איז געקומען צו מיר נאָכאַמאָל, אַזוי-צו-זאָגן: נעם דעם גאַרטל וואָס דו האָסט געקויפֿט, וואָס איז אויף דייַנע לענדן, און שטיי אויף, גיי קיין פּרת און באַהאַלט אים דאָרטן אין אַ שפּאַלט אין פֿעלז. בין איך געגאַנגען און האָב אים באַהאַלטן אין פּרת, אַזוי ווי גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט.

און עס איז געווען אין אַ סך טעג אַרום, האָט גאָט געזאָגט צו מיר: שטיי אויף, גיי קיין פּרת און נעם אַרויס פֿון דאָרטן דעם גאַרטל וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט אים דאָרטן צו באַהאַלטן. בין איך געגאַנגען קיין פּרת און האָב אויסגעזוכט און אַרויסגענומען דעם גאַרטל פֿון דעם אָרט וואָס איך האָב אים דאָרטן באַהאַלטן; און זע, דער גאַרטל איז פֿאַרדאָרבן, האָט פֿאַר קיין זאַך ניט געטויגט.

און גאָט׳ס וואָרט איז געקומען צו מיר, אַזוי-צו-זאָגן: אָט אַזוי וועל איך פֿאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פֿון יהודה און דעם שטאָלץ פֿון ירושלים, וואָס איז אַזוי גרויס. דאָס דאָזיקע בייזע פֿאָלק וואָס ווילן ניט הערן מייַנע רייד, וואָס גייען אין דער אייַנגעשפּאַרטקייט פֿון זייער האַרצן, און זייַנען געגאַנגען נאָך פֿרעמדע געטער זיי צו דינען

און זיך צו בוקן צו זיי; זיי וועלן ווערן ווי דער דאָזיקער גאַרטל וואָס טויג ניט פֿאַר קיין זאַך. וואָרים אַזוי ווי דער גאַרטל איז באַהעפֿט צו די לענדן פֿון אַ מאַן, אַזוי האָב איך באַהעפֿט צו מיר דאָס גאַנצע הויז ישׂראל און דאָס גאַנצע הויז יהודה, זאָגט גאָט, צו זײַן מײַן פֿאָלק, פֿאַר אַ נאָמען און אַ לויב און אַ צירונג; אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט.

[נבוזראדן מאַכט חרובֿ ירושלים און דאָס בית-המקדש]
[מלכים בֿ, כ״ה, 17-8; ירמיה נ״ב, 12- 23 ]
זז' 456, 458

און אין פֿינפֿטן חודש, אין זיבעטן טאָג פֿון חודש – דאָס איז געווען דאָס נײַנצנטע יאָר פֿון מלך נבוכדנאצר דעם מלך פֿון בבֿל – איז געקומען נבוזראדן דעם הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע, דער קנעכט פֿון דעם מלך פֿון בבֿל, קיין ירושלים. און ער האָט פֿאַרברענט דאָס הויז פֿון גאָט, און דאָס הויז פֿון דעם מלך, און אַלע הײַזער פֿון ירושלים – אַלע הײַזער פֿון די גרויסע לײַט האָט ער פֿאַרברענט אין פֿײַער. און די מויערן אַרום ירושלים האָבן אַראָפּגעריסן אַלע זעלנער פֿון די כשדים וואָס זײַנען געווען מיט דעם הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע. און דעם רעשט פֿון דעם פֿאָלק וואָס איז געבליבן אין שטאָט, און די אַריבערגעלאָפֿענע וואָס זײַנען אַריבערגעלאָפֿן צו דעם מלך פֿון בבֿל, און דעם רעשט פֿון דעם המון, האָט פֿאַרטריבן נבוזראדן דעם הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע. נאָר פֿון די אָרעמע פֿון לאַנד האָט דער הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע איבערגעלאָזן פֿאַר ווײַנגערטענירער און פֿאַר אַקערלײַט.

און די בראָנזענע זײלן וואָס זײַנען געווען אין גאָט׳ס הויז, און די געשטעלן, און דעם בראָנזענעם ים וואָס איז געווען אין גאָט׳ס הויז, האָבן די כשדים צעבראָכן און אַוועקגעטראָגן דאָס בראָנז דערפֿון קיין בבֿל. אויך די טעפּ, און די שויפֿלען, און די מעסערס, און די לעפֿל, און אַלע בראָנזענע כּלים וואָס מ׳האָט מיט זיי געטאָן דעם דינסט, האָבן זיי אַוועקגענומען. אויך די פֿײַערפֿאַנען און די שפּרענגבעקנס, אַלץ וואָס איז געווען פֿון גאָלד און אַלץ וואָס איז געווען פֿון זילבער, האָט אַוועקגענומען דער הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע. די זײלן – צוויי, דער ים – איינער, און די געשטעלן וואָס שלמה האָט געמאַכט פֿאַר גאָט׳ס הויז – גאָרניט געווען

אָפּצואוועגן דאָס בראָנז פֿון אָט די אַלע כּלים. אַכצן איילן איז געווען די הייך פֿון זייל, און אויף אים אַ בראָנזענע קרוין, און די הייך פֿון דער קרוין איז געווען דרײַ איילן, און אַ פֿלעכטווערק און מילגרוימען זײַנען געווען אַרום דעם קרוין, אַלץ פֿון בראָנז; און אַזעלכע האָט אויך געהאַט דער צווייטער זייל, אויף דעם פֿלעכטווערק.

[ירמיה נ״ב, 24-27; מלכים ב, כ״ה, 18-21]

און דער הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע האָט גענומען שריה דעם אויבער-כּהן, און צפֿניה דעם צווייטן כּהן, און די דרײַ שוועלהיטערס. און פֿון דעם שטאָט האָט ער גענומען איין הויפּדינער וואָס איז געווען דער אויפֿזעער איבער די מלחמהלײַט, און זיבן מענער פֿון די וואָס זעען מלכּיס פּנים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט, און דעם שרײַבער פֿון דעם אויבערשטן פֿון חיל, וואָס האָט גערופֿן צום חיל דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד, און זעכציק מאַן פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט. און נבוזראדן דעם הויפּט פֿון דער לייבגוואַרדיע האָט זיי גענומען און זיי אַוועקגעפֿירט צום מלך פֿון בבֿל קיין ריבֿלה. און דער מלך פֿון בבֿל האָט זיי געשלאָגן און זיי געטייט אין ריבֿלה אין לאַנד חמת. אַזוי איז יהודה פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זײַן לאַנד.

די צײַט פֿון נויט און דער טאָג פֿון דערלייזונג
[ל, 4-11; מ״ו, 27-28]

און דאָס זײַנען די רייד וואָס גאָט האָט גערעדט אויף ישׂראל און יהודה.

וואָרים אַזוי האָט געזאָגט גאָט:
אַ קול פֿון ציטערניש הער איך,
שרעק און ניט קיין פֿרידלעכקייט.

פֿרעגט זיך נאָך און זעט
צי אַ מאַנספּאַרשוין קען געבערן;
פֿאַרוואָס-זשע זע איך יעטווידערן מאַן
די הענט אויף זײַנע לענדן, ווי אַ געווינערין,

און יעדער פּנים איז בלאַס-פֿאַרגרינט?

אָ, גרויס איז יענער טאָג,
ער האָט ניט זײַן גלײַכן;
אַ צײַט פֿון נויט איז עס פֿאַר יעקבֿ,
אָבער ער וועט פֿון איר געהאָלפֿן ווערן.

און דו, האָב קיין מורא ניט, מײַן קנעכט יעקבֿ,
און שרעק זיך ניט, ישׂראל!
וואָרים אָט העלף איך דיר פֿון דער ווײַטן,
און דײַנע קינדער פֿון לאַנד פֿון זייער געפֿאַנגענשאַפֿט;
און יעקבֿ וועט ווידער זײַן רואיק,
שטיל און אומגעשראָקן.

דו האָב קיין מורא ניט, מײַן קנעכט יעקבֿ,
זאָגט גאָט, וואָרים איך בין מיט דיר;
איך וועל ברענגען אַ פֿאַרלענדונג אויף אַלע פֿעלקער
וואָס איך האָב דיך אַהין פֿאַרשטויסן,
אָבער אויף דיר וועל איך קיין פֿאַרלענדונג ניט ברענגען;
איך וועל דיך שטראָפֿן מיט אַ מאָס,
אָבער אָפּווישן וועל איך דיך ניט.

רחל וויינט אויף אירע קינדער
[ל״א, 14-16]

אַזוי האָט געזאָגט גאָט:
האָרך! אין רמה הערט זיך אַ יאָמער,
אַ ביטער געוויין;
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
זי לאָזט זיך ניט טרייסטן
אויף אירע קינדער וואָס זײַנען מער ניטאָ.

אַזוי האָט געזאָגט גאָט:
האַלט צוריק דײַן קול פֿון געוויין,

און דײַנע אויגן פֿון טרערן, זאָגט גאָט;
עס איז דאָ אַ לוין פֿאַר דײַן מי,
עס איז דאָ אַ האָפֿענונג פֿאַר דײַנע איבערגעבליבענע;
זיי וועלן זיך אומקערן פֿון לאַנד פֿון דעם פֿײַנט,
דײַנע קינדער וועלן זיך אומקערן צוריק אַהיים, זאָגט גאָט.

2004 © Leonard Prager. All rights reserved.